# משיחת חגה״ש תשכ״ז

איינער האט ביי מיר געפרעגט: היתכן, ווי אזוי טוט מען אזא זאך, עס איז דאך לכאורה היפוך פון א הלכה אין רמב"ם,

דער רמב"ם פסק'נט אין הל' מזוזה, אז אלו שכותבים מבפנים שמות המלאכים או שמות קדושים או פסוק או חותמות הרי הם בכלל מי שאין להם חלק לעוה"ב שאלו הטפשים לא די להם שבטלו את המצוה אלא שעשו מצוה גדולה שהיא יחוד השם של הקב"ה ועבודתו ואהבתו כאילו היא קמיע של הניית עצמם כמו שעלה על לבם הסכל שזהו דבר המהנה בהבלי העולם,

האט ער געוואלט צושטעלן דאס צו תפילין, אז אזוי ווי ביי מזוזה טאר מען ניט שרייבן קיין לחשים צוליב שמירה, אזוי טאר מען אויך ניט לייגן תפלין צוליב שמירה.

מען קען אבער אזוי ניט זאגן, ווארום כנ"ל איז דאך אויך שלא לשמה און עבודה און די מצוה איז כתיקונה, מער ניט וואס עס פעלט די כוונה, ואדרבה, מ'קען גארניט צוקומען צו די דרגא פון לשמה סיידן מ'האלט פריער ביי שלא לשמה, און מיט דעם הויבט זיך דאס אן.

נוסף לזה, איז ממקומו עצמו, פון אט די הלכה אליין, מוכח להיפוך, (לשלימות הענין זה ראה שיחת ש"פ בהעלותך), ווארום פון דעם דין גופא

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

דין גופא זעט מען אז דא רעדט זיך אז ער טוט דאס כדי דאס זאל אים היטן פון זאכן וואס די מזוזה היט באמת ניט, ווארום דער רמב"ם זאגט אז זיי זיינען טפשים מצד דעם וואס זיי נוצן אויס די מזוזה פאר הנאה אין הבלי העולם. איז אויב די מזוזה העלפט יא אויף די הבלי העולם, איז עס דאך דעמאלט ניט קיין טפשות. מוז מען זאגן אז עס העלפט באמת ניט אויף דעם.

וואס דערפאר שרייבט דער רמב"ם דא דעם לשון "דבר המהנה בהבלי העולם", און ניט ווי ער זאגט בכלל דעם לשון הנאת הגוף אדער אנדערע לשונות, נאר ער איז דא מדייק און זאגט דעם לשון הבלי העולם,

און ער זאגט עס נאך בהוספה צו דעם וואס ער זאגט פריער אז "כאילו היא קמיע של הנייה עצמן כמו שעלה על לבם הטכל", וואס אויף דעם איז ער מוסיף אז זיי מיינען אז עס איז א דבר המהנה בהבלי העולם,

נאר דאס איז כנ"ל, ווייל דא רעדט זיך ניט וועגן טתם הניית העולם, נאר וועגן הבלי העולם, וואס אויף דעם היט ניט די מזוזה, משא"כ אויף טתם עניני העולם העלפט יא די מזוזה,

ווי די כס"מ פרעגט טאקע דאדטן אויף דעם רמב"ם פון דעם וואס עס שטייט אין ירושלמי אז א מזוזה איז שומר על הבית (און ער ענטפערט אויף דעם צוויי תירוצים, א) אז די מזוזה אליין היט, במילא דארף מען ניט צוגעבן קיין שמות, ב) אז מען דארף מקיים זיין די מצוה אלס ציווי פון אויבערשטן און ניט לשם שמירה).

פון דעם זעט מען אז באמת היט די מזוזה אליין, איז אויב אזוי פארוואס דארף ער מוסיף זיין פסוקים ושמות. מוז מען זאגן אז ער מיינט מיט דעם אז דאס זאל אים היטן פון זאכן וואס די מזוזה היט טאקע ניט - הבלי העולם, ווארום אויב ער מיינט זאכן וואס די מזוזה היט יא, וועלן דאך די שמות גארניט אויפטאן,

ע"ד ווי דער דין ביי הל' שבת, אז בשעת איינער היט א שטוב אז דער צבי וואס איז אין שטוב זאל ניט אנטלויפן, איז אויב דער צבי איז שוין ווי געפאנגען, און ער איז נאר מוסיף שמירה, איז ער פטור, ווארום אויך אן אים איז עס א צבי שמור. ועד"ז בנדו"ד, אויב די מזוזה אליין היט, גיבן די שמות גארניט צו,

דאס איז מכריח צו זאגן אז ער מיינט אז די שמות זאלן אים היטן פון די ענינים וואס די מזוזה אליין היט ניט אדער עס קען ניט היטן, וואס-דאס זיינען די הבלי העולם.

און צוליב דעם זאגט דער רמב"ם אז די מזוזה איז פסול (וכמו שנתבאר בשו"פ בהעלותך, בא זה בהוספה על עיקר הפסול, מה שמוסיף אותיות בפנים המזוזה) און דאס איז טפשות, ווארום אזעלכע זאכן וועט א מלאך אויך ניט היטן. וממה נפשך: אויב ער גלייבט אז די מזוזה היט אים, פארוואס איז ער מוסיף די שמות און מאכט דערפון א קמיע, און אויב ער טוט עס צוליב אזעלכע זאכן וואס די מזוזה היט ניט, וועלן דאך די שמות אויך ניט היטן, איז ער דאך א טפש און דערצו מאכט ער פון די מזוזה אן ענין של בזיון, און המבזה תורה אין לו חלק לעוה"ב, וואס דערפאר זאגט אויך דער רמב"ם, אז הרי הם בכלל מי שאין להם חלק לעוה"ב.

פון דעם איז מובן אז אויב מ'מאכט א מזוזה להגן על הבית (און ניט להבלי העולם) מאכט ניט אויס, ואדרבה, תוס' זאגט אז עיקר ענין המזוזה איז להגן על הבית.

לפי"ז

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

לפי"ז וועט אויך פארענטפערט ווערן א סתירה אין רמב"ם. אין אן אנדער ארט פסק'נט דער רמב"ם אז הלוחש על המכה, אויב איינער זאגט פסוקים פון תורה כדי צו היילן א מכה, אין לו חלק לעוה"ב, און ער זאגט דעם טעם, ווייל "תורה ניתנה לרפואת הנפש ולא לרפואת הגוף. זעט מען דאך אז דער גאנצער טעם איז, ווייל ניט דאס איז ענין התורה, אבער אויב תורה וואלט געגעבן געווארן אויך אלס רפואת הגוף, וואלט מען גע- מעגט לוחש זיין על המכה, איז דאס לכאורה א סתירה צו דעם דין אין רמב"ם בנוגע למזוזה, אז בכלל טאר מען ניט מאכן פון תורה א שמירה.

נאר דאס איז כנ"ל, אז דארטן איז דער איסור צוליב דעם וואס ער נוצט דאס אוים להבלי העולם, וואס דערפאר פסק'נט טאקע דער רמב"ם אין א צווייטער הלכה, אז ס'איז מותר צו זאגן פסוקים להגן מצער ונזק, ווייל אויף סתם שמירה מעג מען נוצן עניני תורה, כנ"ל.

ועד"ז איז מובן אויך בנוגע לתפלין, אז מען מעג לייגן תפלין צוליב שמירה, ובפרט אז מען מאכט אויך א ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו, איז עס דאך לשמה ושלא לשמה, איז עס כמו האומר סלע זו לצדקה על מנת שיחי' בני, וואס דעמאלט הרי זה צדיק גמור.

ועי"ז פועל'ט מען אז קיין שום אויב קען אויף אים ניט האבן קיין שליטה ואחיזה, און ער איז מכריע את עצמו ואת כל העולם לכף זכות, אויף ממשיך זיין טוב וחסד בטוב הנראה והנגלה למטה מעשרה טפחים אז עס זאל זיין ונתתי שלום בארץ, ביז וואלך אתכם קוממיות לארצינו הקדושה תבנה ותכונן במהרה בימינו ע"י משיח צדקינו.

# משיחת ש"פ בהעלותך תשכ"ז

ו. אויף דעם וואס מ'האט גערעדט בתור השתתפות להכינוס, בענין וואס דער רמב"ם זאגט בנוגע תפלין, האט מען געפרעגט כמה שאלות. וועט מען יעצט דורכלערנען די הלכה אין רמב"ם, און עס וועלן במילא פארענט-פערט ווערן די אלע שאלות.

מ'האט גערעדט אז עס איז ניט קיין סתירה דאס וואס דער רמב"ם פסק'נט אין הל' מזוזה, אז "אלו שכותבים מבפנים שמות המלאכים או שמות קדושים או פסוק או חותמות הרי הם בכלל מי שאין להם חלק לעולם הבא, שאלו הטפשים לא די להם שבטלו את המצוה, אלא שעשו מצוה גדולה שהיא יחוד השם של הקב"ה ועבודתו ואהבתו כאילו הוא קמיע של הניית עצמם כמו שעלה על לבם הטכל שזהו דבר המהנה בהבלי העולם",

איז דאס ניט קיין סתירה צו דעם וואס דער רמב"ם זאגט אין הלכות תשובה, אז לעולם יעסוק אדם בתומ"צ שלא לשמה כו', און אין

פיהמ"ש

הנחת הת' בלתי מוגה

פהמ"ש בפ׳ חלק זאגט ער נאך מער, אז דאס איז א דבר המוכרח, און מען קען ניט צוקומען לשלימות העבודה וואס איז בדוגמת אברהם אוהבי נאר ע"י ההקדמה פון שלא לשמה.

און דער ביאור אין דעם לויט ווי מ׳האט גערעדט בחגה"ש איז: דער רמב"ם זאגט אין א גאנץ הלכות און דער הלכה, אז אויב מ׳איז מוסיף בפנים המזוזה אפילו אות אחת ווערט די מזוזה פסול. און דאס איז דער טעם פארוואס בשעת ער איז מוסיף די שמות המלאכים, טויג דאס ניט, ווייל דערמיט פסל׳ט ער די מזוזה, און דאס מיינט ער מיט די ווערטער "לא די שבטלו את המצוה", וואָרום כנ"ל ווערט די מזוזה פסול.

דאס וואס דער רמב"ם זאגט דערנאך "שעשו מצוה כו׳ קמיע של הניית עצמן וכו׳ דבר המהנה בהבלי העולם", קומט עס אלס הוספה צום עיקר ענין, אז בטלו את המצוה, און ניט ווי אנדערע האבן געוואלט לערנען אז דאס איז דער ענין עיקרי, נאר דאס קומט אלס הוספה,

דאס הייסט, אז דער רמב"ם וויל זאגן, אז ניט בלויז שביטל המצוה, נאר עס איז אויך אן ענין וואס ער טוט צוליב הניית עצמו און צוליב הבלי העולם.

און עס איז ניט דער פשט, ווי אנדערע האבן געוואלט אויפטאן, אז בכלל מאכט ניט אויס שלא לשמה. דאס אבער טויג ניט, ווייל דאס איז ארויסגעקומען במעשה (ער האט דאך במעשה אנגעשריבן די שמות המלאכים),

קען מען אויך ניט זאגן, ווייל: א) מ׳שרייבט דאך אויף דער מזוזה דעם שם שד-י, און איך כלבו שטייט אז דאס איז ר"ת "שומר דלתות ישראל", ווייזט ער דאך סיי ווי ארויס במעשה דעם ענין השמירה, קען מען ניט זאגן אז דאס זאל פסל׳ן.

אפילו אויב מ׳האלט זאגן אז דער רמב"ם האלט ניט ווי דער כלבו, איז אבער דא נאך א זאך מיט וואס ער ווייזט ארויס במעשה אז עס איז צוליב שמירה,

וואָרום די גמרא זאגט אז מ׳דארף לייגן די מזוזה אויפן צד החיצון של הבית, אעפ"י אז אין פסוק שטייט נאר ביתך ובשעריך, און עס שטייט ניט אויף וועלכן זייט, און דער טעם אויף דעם זאגט די גמרא, אז ווייבאלד די מזוזה היא שומר, דארף מען אז עס זאל היטן אויך דעם חלק ביז דעם צד החיצון, און מיט דעם וואס ער לייגט די מזוזה בצד החיצון, ווייזט ער קלאר ארויס במעשה אז עס איז צוליב שמירה. קען מען דאך ניט לערנען אז דאס איז דאך כשר, נאר ווייבאלד אז עס קומט אראפ במעשה ווערט עס פסול.

ב) וואו איז דער מקור אויף דעם? ווייל לפי זה וועט דאך אויסקומען, אז דאס וואס מ׳האט הנותן סלע לצדקה בשביל שיחי׳ בני הרי"ז צדיק גמור, איז דאס דוקא בשעת קיינער ווייס ניט דערפון, און עס קומט ניט אויס במעשה, בשעת אבער ער גייט ארום און טרייט (און ווייזט ארויס בפועל) אז ער גיט די צדקה בשביל שיחי׳ בנו, דעמאלט זאגט מען ניט הרי זה צדיק גמור, און אויף דעם איז ניטא קיין שום מקור.

ונוסף לזה, אויב ... מ׳זאל לערנען אז די מזוזה בעצם איז א כשר׳ע, עס איז בלויז וואס ס׳איז שלא לשמה במעשה – ווי קען מען אים אנרופן א טיפש וכו׳ א סכל, עס איז דאך מער ניט וואס ער איז נאך ניט צוגעקומען למדריגה נעלית של לשמה, מדריגת אברהם אוהבי.

מוז מען

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

מוז מען מצד כהנ"ל זאגן, אז בעצם איז דאס א מזוזה פסולה, וכנ"ל, ווייל ער האט מוסיף געווען אן אות אחת.

נאר אויף דעם איז ער מוסיף, אז חוץ כהנ"ל איז דאס אויך אן ענין של הניית עצמן און הבלי העולם, און ווי מען האט גערעדט (בחג השבועות), אז מ'מוז זאגן אז ער טוט עס צוליב הבלי העולם. און די טפשות אין דעם איז, אז וויבאלד די מזוזה אליין וועט דאס ניט אפ-היטן, די הבלי העולם, וועלן במילא די מלאכים אויך ניט אפהיטן (ראה שיחת חג השבועות),

און וועגן אז די הוספה רעדט דער כס"מ און אויף דעם פטעלט ער זיך, און ניט אויפן עצם האיסור. און אויך דער "וגם" וואס דער כס"מ שרייבט, איז דאס ניט א צווייטער תירוץ, נאר בלויז א הוספה צום ערשטן תירוץ (פיסקא זו אינה ברורה וחסר בה).

מ'קען ניט זאגן אז דאס וואס דער רמב"ם זאגט אז דאס איז אן ענין פון הבלי העולם, איז דאס ווייל דער רמב"ם האט געוואוסט אז בדורו פלעגט מען דאס טאן צוליב הבלי העולם (און ניט מצד ההכרח, שנת' בתגה"ס), ווארום עס איז מבואר בהקדמת הרמב"ם לספרו יד החזקה, אז דער ספר יד החזקה איז א ספר הלכות פאר יעדן דור, און גלייך נאך דעם וואס מ'לערנט חומש, קען מען שוין לערנען זיין ספר און מען וועט וויסן אלץ ווי צו טאן, און עס איז ניט קיין ספר דברי הימים, צו דערציילן ווי מ'האט זיך געפירט בדורו.

מצד כל הנ"ל קומט אויס, אז דאס וואס מ'האט גערעדט וועגן תפלין, איז דאס אן ענין אמיתי, און דאס פועל'ט טאקע צוויי ענינים, ווי גערעדט, אז מאריך ימים און וראו כל עמי הארץ גו' ויראו ממך. און ס'איז ניטא אין דעם קיין שום איסור, ואדרבה, לעולם יעסוק אדם שלא לשמה שמתוך כו' בא לשמה, און דוקא ע"י ההקדמה פון שלא לשמה, קען ער צוקומען צו לשמה, ביז צו מעלת אברהם, כמבואר בפיהמ"ש פ' חלק, כנ"ל.

דאס אלץ איז אפילו אויב ער לייגט תפלין אן א ברכה, עס איז דאך אבער איינגעפירט אז בשעת מ'לייגט מיט יענעם לייגט מען מיט א ברכה, איז עס דאך אויך לשמה, ווארום ער זאגט דאך אשר קדשנו במצותיו וצוונו. איז עס לשמה ושלא לשמה, איז עס בדוגמת הנותן צדקה בשביל שיחיו בני וכו', וואס דארטן איז דאך כפירש"י לשמה ושלא לשמה, און דעריבער איז ער א צדיק גמור באותו ענין.

פון דעם וואס רש"י זאגט אז ער איז א צדיק גמור "באותו ענין", איז א ראי' אז עס איז ניט ווי די וועלכע ווילן מגי' זיין אז עס דארף ניט שטיין ה"ז צדיק גמור, נאר ה"ז "צדקה גמורה". איז פון דעם וואס רש"י זאגט "באותו ענין" פארשטאנדיק, אז מ'דארף גורס זיין "צדיק גמור", ווארום די ווערטער "באותו ענין" קען מען ניט זאגן אויב עס וואלט געשטאנען צדקה גמורה, כמובן.

נאך מער: אויב מ'זול זאגן אז דא קומט ער לאזן הערן בנוגע די צדקה, אז ער איז מקיים מצות צדקה כתיקונה (אבער ניט וועגן מענטש), האט דאך געקענט שטיין א גרעסערער חידוש, ווי עס שטייט אין ספרי, אז בשעת א איד האט פארלארן א פרוטה און אן עני האט דאס געפונען ונתפרנס מזה, איז ער אויך דערמיט מקיים מצות צדקה, - האט דאך די גמרא געקענט לאזן הערן אט דעם דין, אז אפילו בשעת ער ווייס גארניט אז ער האט דאס פארלארן און ער איז ניט צופרידן דערפון, פונדעסטוועגן ה"ז צדקה גמורה, מוז

מוז מען זאגן אז דא איז דער חידוש ניט בנוגע צו צדקה, נאר אז דער איד איז א צדיק גמור, וואס דאס קען מען ניט זאגן אין דעם אופן בטעות ער האט פארלארן, וויבאלד אז ער קריינקט אויף דעם און וויל דאס ניט געבן, קען מען אים ניט אנרופן א צדיק (אפילו באותו ענין). משא"כ אבער דא וואס ער גיט דאס ברצונו, עס איז בלויז וואס ער טראכט אויך בשביל שיחי' בנו, טוט אויף די גמרא אז ער איז א צדיק גמור,

מ'קען אבער פרעגן, אז אפשר איז דער ענין פון הנותן סלע לצדקה כו' ה"ז צדיק גמור, בלויז ביי מצוה צדקה, ווייל די גמרא זאגט אז צדקה איז די איינציקע מצוה אויף וועלכע דער אויבערשטער זאגט "בחנוני נא בזאת", דער אויבערשטער בעט זיך אז מ'זאל אים אויספרואוון אין דעם, דעריבער מאכט ניט אויס אז ס'איז שלא לשמה, משא"כ ביי אנדערע מצות קען מען אזוי ניט זאגן, ווייל די גמרא (פסחים ח,ב) ברענגט דעם ענין פון צדקה לגבי בדיקת חמץ, זעט מען דאך אז דאס איז אויך ביי אנדערע מצות.

אזוי זעט מען אויך פון תוספות דארטן, וואהוט תוס' זאגט, אז דאס איז ניט דער ענין פון אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב ע"מ לקבל פרס, ווייל ער איז ניט תוהה אויף די צדקה. זעט מען דאך אז תוס' פארבינדט דאס מיט אלע אנדערע מצוות,

במילא קען מען אפלערנען פון צדקה אויף תפילין, אז פונקט ווי ביי מצות צדקה זאגט מען אז אעפ"י ער טראכט דערביי בשביל שיחי' בני, זאגט מען אז ער איז א צדיק גמור, וויבאלד לפועל גיט ער צדקה (וכמבואר באגה"ק מעלה ענין הצדקה, אז מ'גיט אוועק אט דאס וואס מען האט אויף דעם געארבעט עד מיצוי הנפש, והי' יכול לקנות חיי נפשו),

עד"ז איז אויך ביי תפילין, אז עס איז ניטא אין דעם קיין שאלות, און ער איז א צדיק גמור באותו ענין, ובמילא טוען זיך טאקע אויף אלע ענינים וועלכע תפילין דארף אויפטאן, סיי אז מאריך ימים און סיי אז ויראו ממך.

כמדובר בחגה"ש, האט מען געבראכט אט דאס וואס די גמרא זאגט אז ויראו ממך איז דורך תפילין, פון מסכת ברכות, און אז מאריך ימים - פון די גמרא אין מנחות.

אעפ"י אז די גמרא פון מאריך ימים איז אויך פאראן אין מסכת מנחות, האט מען אבער געבראכט פון ברכות, ווי גערעדט בחג השבועות, ווייל אין מסכת ברכות רעדט זיך די מעלה פון אידן. ווי די גמרא זאגט דארט, אז תפילין דמארי עלמא מה כתיב בהו ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, די מעלה פון אידן, דערציילט די גמרא נאך דעם אז עד"ז איז אויך פאראן נאך א מעלה אין אידן, אז ויראו ממך וכו', משא"כ אבער אין מנחות ברענגט דאס די גמרא כדי ארויסצוברענגען די מעלה פון תפילין, דעריבער האט מען געבראכט פון ברכות, ווייל בענינינו איז געווען נוגע ארויסצוברענגען בעיקר די מעלה פון אידן.

מצד כל הנ"ל דארף מען נאך ממשיך זיין צו לייגן תפילין מיט אידן, ווייל דער עיקר טומל הויבט זיך ערשט איצטער אן, און מ'דארף אויפהאבן דעם ענין פון ויראו ממך, און דאס קען מען פועל'ן על ידי הנחת תפילין.

וכאמור

הנחת הת' בלתי מוגה

וכאמור, איז איצטער הזמן גרמא צו פועל'ן אויף א אידן, ווייל אידן שטייען איצט אין א התעוררות, איז נוסף לזה וואס בכלל דארף זיין הוכח תוכיח את עמיתך און דער ענין פון אהבת ישראל און אויך דאס וואס כל ישראל ערבים זה לזה, איז נוסף לזה איצטער פאראן א גרעסערער חיוב אויף אויפצוטאן מיט א צווייטן, מצד די התעוררות וואס איז דא צוליב די נסים.

מ'דארף אפילו ניט טראכטן צי עס איז געווען א נס אדער ניט, לפועל זיינען צוויי און א האלב מיליאן אידן (וואס יעדער איד איז דאך אן עולם בפ"ע) ניצל געווארן פון אן ענין וואס לא יעלה ולא יבוא אפילו בדיבור, און עס זיינען געראטעוועט געווארן הם וזרעם וכו'.

דא קומט צו נאך אן ענין: די גמרא זאגט אין מסכת תענית, און אזוי פסק'נט זיך אפ אין שו"ע, אז די וועלכע זיינען יוצאי צבא במלחמה, טארן זיי ניט פאסטן, בכדי זיי זאלן ניט ווערן אפגעשוואכט. זיי ווילן דאך אבער יא פאסטן, בכדי דאס זאל מגין זיין אויף זיי, זאגט די גמרא אז מען זאל אויף זיך אננעמען בשעת המלחמה, אז ווען מ'וועט צוריק קומען מהמלחמה, וועט מען דעמאלט פאסטן, און דאס איז מגין למפרע.

ווארום דער אויבערשטער איז דאך א יודע עתידות און למעלה מהזמן, ער איז הי' הוה ויהי' כאחד, איז דאך ביי אים קיין חילוק ניט צי דער תענית איז איצטער אדער שפעטער. אויב ער איז נאר מתענה איז דאס אויף אים מגין.

ועד"ז איז אויך בנוגע להנחת תפילין, אז מצד דעם וואס מען וועט שפעטער לייגן תפילין מיט אידן, האט דער אויבערשטער טוין פריער בשעת המלחמה, מגין געווען, און דעריבער דארף מען לייגן אלע השתדלות'ן צו לייגן איצטער תפילין מיט וואס מער אידן, כדי צו משלים זיין דאס וואס האט פריער מגין געווען.

וגדולה מעלת התפילין שהוקשה כל התורה כולה לתפילין, כמ"ש והי' לך לאות על ידך ולטוטפות בין עיניך למען תהי' תורת הוי' בפיך, ועד"ז איז אויך מבואר אין מדרש תהלים - וואס ההליב איז דאך פון דוד המלך - אז ע"י הנחת תפילין איז דער אויבערשטער מעלה אויף אידן כאילו עוסקים בתורה יומם ולילה.

און דאס פועל'ט אויך דעם ענין פון לשעבד המוח והלב, אז דערנאך ווערט דאס אויך נמשך בכל האברים, כמבואר בתניא,

וואס דעמאלט איז פאראן דער ענין פון אם בחוקותי תלכו, קומט מען במילא צו ונתתי גשמיכם בעתם, ביז די אנדערע ברכות וועלכע ווערן אויסגערעכנט, אז ונתתי שלום בארץ וישבתם לבטח בארצכם, ביז ואולך אתכם קוממיות, בביאת משיח צדקינו יבוא ויגאלנו.

# משיחת י״ב תמוז תשל״ד

כד. ע"ד האמור איז אויך בהנוגע צו מבצע מזוזה, ווי מ'געפינט אים אין דעם מאסר און אין דער רשימת המאסר, נאר אויף דערויף דארף מען נאך האבן א הקדמה אין אן ענין כללי בהנוגע צו מצות: וואס אין מצות איז דאך דא רמ"ח מצות עשה, מיט אלע פרטים שבהם, וואס זיי זיינען כנגד רמ"ח איברים, וואס אין די מצות עשה איז דאך דא אזוינע וואס זיי זיינען פארבונדן מיט א זמן מסוים, און מיט א מקום מסוים, דאס הייסט בזמן שביהמ"ק היה קיים אדער מצות עשה שהזמ"ג וכו', און עד"ז אויך מיט א מקום מסוים - ביז ווי ביי מצות מזוזה עצמה, איז דאך דאס פארבונדען אויב ס'איז דא א בית, מיט אלע תנאים, וואס דער בית דארף האבן ד' על ד' אמות מיט א דלת וכו', מיט די אלע פרטים ווי זיי ווערן אויסגערכנט בפוסקים, וואס דוקא דעמאלט און אין דעם ארט, איז דאס דער אופן פון קיום מצות מזוזה.

וואס עפ"ז ווערט דאך אינגאנצע ניט פארשטאנדיק: וויבאלד אז רמ"ח אברים און רמ"ח מ"ע זיינען פארבונדען איינע מיט די צווייטע, ביז וואנעט אז דער אלטער רבי איז מסביר דאס וואס מ'זאגט "תמים תהי' עם הוי' אלוקיך", וואס דער פירוש הפשוט איז דאך תמימות (גאנציקייט), וואס דאס איז דאך פארבונדן מיט עבודת הכהנים, דארף ער דאך זיין א תמים ניט קיין בעל מום וכו', כפשוטו אין אברים הגשמיים איז דאס פארבונדען מיט "תמים תהי' עם הוי' אלוקיך", אז ביי עם זאל זיין בשלימות, דער קיום פון רמ"ח מצות עשה, וואס עפ"ז איז ניט פארשטאנדיק די רמ"ח מ"ע זיינען דאך דא ביי כל אחד ואחד וואס איז בריא בגשמיות דארף ער דאך האבן רמ"ח אברים, און מ'זאגט אז די מצות בזמן שביהמ"ק הי' קיים האט ער זיי געדארפט מקיים זיין, און בזמן שאין ביהמ"ק קיים, איז ער אדער פטור פון זיי, אדער נאך מערער הקרבת הקרבן, בזמן הזה איז אן איסור היפך הקדושה, היפך הציווי, משא"כ אבער בהנוגע צו די רמ"ח אברים איז ניטא קיין שינויים? ועד"ז איז דאך אויך אין די רמ"ח מצות עשה זיינען דאך דא ענינים וואס זיינען פארבונדען, ווי דער לשון "מצות שאינן שוות לכל נפש", אז דאס איז מערניט ווי ביי כהנים, אדער מערניט ווי ביי לויים וכיוצא בזה, משא"כ רמ"ח איברים איז דאך דא בכל אחד ואחד?

וואס אין דערויף איז דאך ניט שייכות צו זאגען אז וויבאלד אז אידן זיינען כלול זה מזה, איז דערפאר בשעת ס'איז דא ביי איינער אז ער איז מקיים זיינע מצוות, איז ער מוציא דער אידן וואס ער איז א לוי וישראל וכיוצא בזה, דער אלטער רבי שרייבט בפירוש אין אגה"ק אז דערפאר דארף מען קומען בגלגול כדי ער זאל קאנען מקיים זיין כל המצות אויך די מצות וואס זיינען פארבונדען מערניט ווי מיט א כהן אדער מערניט ווי א לוי וכו' מיט איין און איינציקעם אויסנאם (דאס איז) מצות המלך, וואס דער מלך איז מוציא אין דעם מצוה כל ישראל כולם, דער מלך איז דאך "כללות הכל" איז דאס פונקט ווי דער "הכל" איז מקיים די מצוה, משא"כ אבער מצוות וואס זיינען פארבונדען מיט כהן, מיט לוי, מיט ישראל, פסקנ'ט אפ דער אלטער רבי בפירוש אז מ'קומט אין א גלגול כדי ער זאל זיי קאנען מקיים זיין - וואס לכאורה עפ"ז קאן מען אויך מסביר זיין בנוגע צו מצות שבזמן, וואס זיינען פארבונדען מיט זמן שביהמ"ק הי' קיים, אז ער איז געווען דעמאלט בזמן שביהמ"ק הי' קיים, און האט דעמאלט מקיים געווען אויך די מצוה,

דאס וועט דאך אבער ניט מתאים זיין דערמיט וואס דער אלטער רבי זאגט אליין "תמים תהי' עם הוי' אלוקיך" אז דער קיום רמ"ח מצות עשה איז נוגע צו דער קיום פון רמ"ח אברים, שלו, וואס די רמ"ח אברים דארף ער דאך האבן בכל גלגול (דארף ער דאך האב'ן) רמ"ח אברים בריאים ושלמים, ובלשון הרמב"ם "היות הגוף בריא ושלם מדרכי השם הוא",

כה. איז אין דערויף איז דאך דא צוויי ביאורים: דער ביאור בדרך קס"ד, אז א קיום המצוה איז אויך שייך דורך די שלילה פון דער מצוה אויב תורה זאגט אז במקום פלוני אדער בזמן פלוני איז די מצוה טאר מען ניט מקיים זיין, אדער מ'איז פטור

פון מקיים זיין איז דאס גופא א שייכות מיט דער מצוה, ווארום אויב ס'וואלט ניט געהאט קיין שייכות איז דעמאלט ניט שייכות זאגען אויף דערויף א איסור, אדער א פטור, אדער א רשות וכו'.

דאס הייסט בלשון הרגיל, (אז דאס איז אין) דער גדר פון מצות מזוזה, איז דא אן ענין וואס האט א שייכות צו מצות מזוזה דורך "וכתבתם על מזוזות" - אויב דאס איז "ביתך ובשעריך", אויב דאס איז אן אורבה אדער א בית שאין בו ד' על ד' איז אט דעמאלט זיין שייכות מיט "מצות מזוזה" איז דורך דערויף וואס ער איז פטור פון מצות מזוזה, אן ענין של לבוש, אן ענין של אכילה ושתי'ה, איז ניט שייך זאגען אויף דערויף פטור פון מזוזה, אדער מחוייב אין מזוזה, אדער אסור במזוזה, דאס האט קיין שייכות ניט צו דער מצוה. אן ענין של בית האבן אלע בתים א שייכות מיט דער מצות מזוזה, ס'איז דא אזוינע וואס זייער שייכות איז דורך "וכתבתם על מזוזות" און עס איז דא אזוינע וואס זייער שייכות איז דורך דערויף וואס ער איז פטור פון אנקלאפן דארט די מזוזה, וואס דאס איז אויך מצד דערויף וואס ער איז אין דעם גדר, און אין דער שייכות. נאר וואדען עס פעלט א תנאי אדער עס פעלט אן ענין וכו', ווי מ'וועט דאס מסביר זיין.

במילא ווערט שוין אויך פארענטפערט פארוואס ער אט אויך האט דעם אבר, ווארום אע"פ וואס אין מצוות איז דאס אן ענין של שלילת המצוה, איז שלילת המצוה אויך א פרט אין דער מצוה, פונקט אזוי ווי ס'איז א פרט אין דער מצוה אז עס דארף זיין געשריבן די צוויי פרשיות, און עס דארף זיין אנגעקלאפט באופן מסוים אין א בית מוסים, אזוי איז אויך א פרט אין דער מצוה, אז אויב דער בית האט ניט קיין ד' על ד' איז ער פטור ממזוזה, (און במילא) טאר ער ניט מאכן קיין ברכה אויב אפי' ער וועט דארט צוקלאפן א מזוזה, אדער אויב ס'איז א מקום בלתי טהור, טאר ער ניט צוקלאפן א מזוזה, אפילו אן א ברכה אויך ניט.

דערנאך איז דא נאך א גישמאקערע זאך אין דעם, וואס דאס איז דער ענין לויט דערויף וואס די גמרא זאגט אין סוף מנחות, און דער אלטער רבי ברייננגט דאס אראפ אין שו"ע לפסק הלכה, אז "כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה", וואס וואס ווייסט מען דערפון, אז בשעת ער לערנט די תורה פון דער עולה איז דעמאלט איז דאס "כאילו הקריב עולה", ובמילא האט ער די גאנצע ענינים וואס (זיי) זיינען פארבונדען מיט הקרבת עולה, כל זמן דער ביהמ"ק איז נאך ניט אויפגעבויט, וואס דערפאר דארף מען דאך זאגען דעם ענין פון עולה - "ונשלמה פרים שפתינו",

וואס ווי עס איז מבואר אין פשטות כל הפוסקים ומאחז"ל, איז ניט דער פרוש אז ווען איז ער "כאילו הקריב עולה", (נאר) אויב ער לערנט אין תורה די דינים, פון הקרבת העולה, אויב נאר ער לערנט אין תורה ענינים פון עולה איז דעמאלט "כאילו הקריב עולה", מ'קאן דאך טייטשן "ונשלמה פרים שפתינו", אז ער לערנט אין תורה דעם פסוק "והקריב את העולה", "ונתח אותה לנתחיה", וכו', וואס דעמאלט איז דאס אנשטאט "פרים" איז דאס "שפתינו" ער זאגט מיט די שפתים דער ענין הפרים און ווי אזוי מ'איז זיי מקריב, אבער ווי עס איז משמע בפשטות בכל המקומות איז גענוג אז מ'לערנט תורת עולה, ניט די פסוקים וואס עס שטייט די אלע פרטים ווי אזוי מ'דארף מקריב זיין דער עולה, און די הוכחה בזה איז, אז בשעת דער אלטער רבי ברייננגט דאס אראפ בשו"ע שלו, ברייננגט ער דאס אראפ אנטקעגען לערנען די משנה פון עולה (בנוגע) פון "איזהו מקומן", עד"ז אויך "זאת התורה לעולה ולחטאת" וכו', וואס אין דערויף איז ניטא דער ענין וואס מ'לערנט די הקרבת עולה, ועד"ז אויך וואס מ'זאגט אין מוספים די פסוקים בהנוגע צו מוספים, ברייננגט מען דאך ניט די אלע פרטים מערניט ווי "והקרבתם אשה", א לימוד כללי.

כו. עפ"ז וועט אויך זיין מובן בנוגע דער ענין פון מבצע מזוזה, און א סיפור פלא וואס איז אויך אין די רשימות און די שיחות וואס דער בעל המאסר והגאולה דערציילט וועגען די מאסר און דארט דערציילט ער - דאס איז געדרוקט אין א שיחה - ניט אין די רשימות - פון תש"ב דאכט זאך אז בשעת ער איז געקומען צו די חקירה הראשונה, וואס דארט איז געווען די התחלת הדיבור מיט די חוקרים וואס זיי האבן עס געדארפט חוקר ודורש זיין אין וואס עס באשטייט, און פארוואס, האט מען עם אריינגעזעצט אין מאסר, און וואס פאר א עונש, צו עס דארף זיין שחרור בזה, איז גלייך בחקירה הראשונה האט מען ביי אים געפרעגט צו ווייס ער וואו ער איז, האט ער געענטפערט אז ער ווייס אז ער איז אזא מין בית, און אזא ארט, וואס ער איז פטור ממזוזה, און ער האט געבראכט א דוגמא פון א שטאל פון סוסים, וביה"כ וכו', ווי עס איז שוין געדרוקט אין דער שיחה וואס דער בעל המאסר והגאולה האט אליין געשריבן די רשימה.

וואס לכאורה וואס האט ער אנגעכאפט דער ענין אז דער בית איז פטור ממזוזה, ער האט געקאנט ברייגנען אנדערע ענינים וואס דער בית איז אין זיי מחוייב - ניט אן ענין של שלילה נאר אן ענין של חיוב - אז דארט איז דא השגחה פרטית, אז דארט איז דא "מלא כל הארץ כבודו", און נאך כו"כ ענינים של חיוב, האט ער געקאנט זאגען אז ער ווייס אז ער געפינט זיך אין אזא מין בית וואס דארט איז דא די השגחה פרטית "ומלכותו בכל משלה" וכו'? ובפרט ווי ער האט אליין מסביר געווען אז די הנהגה איז געווען אויף באווייזן זיי אז מ'רעכנט זיך ניט לגמרי מיט זייער גאנצער מציאות, און דא, לכאורה, איז ארויסגעבראכט דער ענין, אז וויבאלד אז דאס איז אזא מין בית אשר "לא ישב אדם שם", דאס איז בדוגמא ווי א שטאל פון סוסים וביה"כ וכו', איז דערפאר קאן דארט ניט זיין דער "וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך".

וואס איז אין דערויף די הסברה בדרך אפשר ער האט געוואלט דערמאנען דער ענין המזוזה אין דעם בית, אין די ד' אמות, בשעת עס קומט די חקירה ודרישה הראשונה, וואס איז דער ענין המזוזה - "הוי' ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם", האט ער דאס געוואלט דערמאנען, נאר דערמאנען אז מ'דארף דארטן אנקלאפן א מזוזה קאן מען דאך ניט, דערמאנט ער (דאס אין) די שייכות צו דער מצות מזוזה דורך דעם ענין וואס דארטן דארף מען ניט אפקלאפן קיין מזוזה, אדער מ'טאר גאר ניט אפקלאפן קיין מזוזה דערפאר וואס דאס איז א שטאל פאר סוסים וביה"כ וכו'.

וואס אין דערויף איז אויך דער צווייטער ענין דאס איז א לימוד תורה מזוזה, דערווייליע האט ער דארט געלערנט א הלכה אין הלכות מזוזה, איז "כאילו הקריב עולה", איז פונקט ווי ער האט דארט אנגעקלאפט א מזוזה, אין אן אופן וואס דארטן קאן האבן א שייכות צו מזוזה,

וואס דעמאלט איז דא בײדע זאכן באופן חיובי, דאס איז "העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה", ובאופן שלילי, און אויך דער שייכות צו דער מצוה דורך דער שלילת קביעת המזוזה במקום זה, קדושת המצות הייסט אז אין א שטאל פון סוסים, אין א בית הכסא, זאל מען איר ניט אנקלאפן מצד קדושת המזוזה.

כז. וואס עפ"ז ווערט מבואר א דבר פלא וואס ווערט געבראכט גאר אין א משנה וואס עס איז דא א משנה תמוהה וואס עס רעדט זיך וועגען הלכות טומאה, וואס א כלי איז מקבל טומאה אויב דאס איז א כלי קיבול זאגט די משנה אז עס איז דא א מקל, וואס האט אין זיך א קיבול, וואס אין דעם שטעקעלע איז געווען א לאך אין וועלכע מ'האט אריינגעלייגט א מזוזה, און בזמן מפרשי המשנה איז אזוי געווען די רגילות ביי כמה אנשים ובכ"מ, אז זיי פלעגן מיט זיך טראגען א מקל (א שטעקל) וואס אין דעם איז געווען אויסגעבויט א מקום וואס דארט פלעגט מען אריינלייגן א מזוזה,

וואס לכאורה איז איגאנצן ניט פארשטאנדיק, וואס איז דא די תועלת? מזוזה איז "שומר דלתות ישראל" "וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך", איז דעמאלט טוט זיך אויף די פעולה, וואס וועט אים ארויס קומען אז ער וועט האבן א מקל וואס דארט וועט ליגן א מזוזה? אויב מצד דערויף צו היטן דבר ה' איז דאך לאו דוקא די פרשה פון מזוזה, קאן ער נעמען א פרשה, אדער צוויי פון דער תורה, אדער דריי, און אריינלייגן אין דעם מקל, זאגן די מפרשי המשנה, ניין, אז מ'פלעגט אריינלייגן א מזוזה.

וואו געפינט מען אויף דערויף די דוגמא, בזמן שאין בית המקדש קיים, טאר מען ניט מקריב זיין קיין קרבנות, איז עס קומט די נאכט פון פסח און מ'געפינט זיך אין א זמן ומקום שאין בית המקדש קיים, און מ'דארף דאך מאכן זכר ליצי"מ, איז נוסף אויף דערויף וואס מ'זאגט דאס בדיבור, טוט מען דאס אויך במעשה, דער ענין וואס מ'לייגט אויף די קערה עניניס וואס דאס איז זכר לפסח ולחגיגה, דוקא א דבר גשמי,

וואס דאס פארבינדט דאס, ניט נאר אין דער שלילה, וואס מ'טאר ניט נעמען דעמאלט א ענין של קרבן, וואס דערפאר איז דאך דער מנהג בבית הרב אז פון דעם זרוע פלעגט מען קורע זיין דעם בשר של הזרוע עכ"פ א טייל דערפון, באווייזן אז מ'איז שולל דעם ענין הבשר, כאטש אפילו דאס איז גאר א "זרוע של עורף", וואס "אינו ראוי להקריב על המזבח", ס'איז ניט קיין יונה, און ניט קיין תור, און ניט קיין בן יונה, דאס איז גאר פון א תרנגולת, אעפ"כ מאכט מען א סימן אז מ'פארבינדט דאס מיט דעם ענין השלילי, אבער מ'באגנוגנט זיך ניט דערמיט און מ'טוט אויך א ענין חיובי, מ'לייגט ארוף א דבר גשמי וואס איז א סימן ורמז צו דעם קרבן הפסח והחגיגה, מער ווי א רמז ע"י הזרוע והביצה, טאר מען ניט.

משא"כ אבער נעמען א מזוזה אין א מקל מעג מען, און דאס איז א שטארקערע שייכות אין דערמאנען, און די פעולה דאס איז א זכרון ע"פ תורה, איז דאס ממשיך מעין פון דעם ענין וואס טוט זיך אויף דורך המצוה עצמה, וואס דערפאר איז אויך אז מ'האט געטראג'ן א מזוזה אין דעם מקל איז ניט ווי מ'זאגט בשאר העניניס אז דאס האט א ענין ווי א יושב בסוכה ווען עס גייט די גשמים וואס דעמאלט ווערט ער אנגערופן, בשם היפך פון חכם, משא"כ דער וואס טראגט א מזוזה אין מקל איז דאס געווען א דבר וואס די משנה שרייבט זועגען אים, ניט מבטל געווען דאס, וואס דאס גופא באווייזט דאך אז דאס האט אן ארט.

כס. וואס דערמיט איז דאך אויך פארשטאנדיק וואס דער סיפור מ'דערציילט בהנוגע צו א מזוזה, וואס האט געפועל'ט אפי' ווען מ'האט דאס ניט אנגעקלאפט אויף דעם "ביתך ובשעריך, וואס בשעת מ'איז געגאנגען אין רומי, און מ'האט דאס געגעבן צו די שרים דארטן, איז דערווייזלע "נכנס, שד בבית" האט ער באווייזן די מזוזה און די בת איז געזונט געווארן, וואס דאס איז געווען בביתו של נכרי, וואס ער איז פטור ממזוזה, די מזוזה איז גאר ניט געווען אנגעקלאפט אויפ'ן טיר, אפי' אויב דאס איז געווען א בית של ישראל דארף דאס זיין אנגעקלאפט "וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך" אעפ"כ האט זי פועל געווען פעולתה און דאס איז געווארן א טייל פון תושבע"פ פון "הוראה" שבע"פ.

וואס דאס איז די הסברה כפשוטה, פארוואס עפעס גלייך בהחקירה הראשונה, ווען ער איז אריין אין דעם נייעם צימער, וואס אין דעם צימער איז ניט געווען קיין מזוזה האט ער געוואלט דערמאנען דעם ענין פון "וכהבתם על מזוזות ביתך ובשעריך" מיט דעם דיוק אז דאס איז מערניט "ביתך ובשעריך", משא"כ בדיר של סוסים וביה"כ וכו', איז דאס אויך שוין פועל די פעולה פון "הוי' ישמר צאתך ובואך, מעתה ועד עולם",

הנחה פרטית בלתי מוגה

און דאס איז א חיזוק והידור מיוחד, און א תוספות כח מיוחד בנוגע למבצע פורים בימינו אלה, וואס דאס האט פועל געווען, און איז פועל, און וועט פועל זיין, דער הוי' ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם", ווי מ'האט דערנאך געזען בפועל אז ער איז דערנאך ארויס פון דארט לחפשי, ביז אין אן אופן אז "ראוי היום הזה לקבעו לכל הדורות כולם מידי שנה בשנה להתעוררות והתעודדות בעניני תורה ומצוות".

ביז וואנען ס'וועט ווערן דער ענין דער בנין בית גדול דער ביהמ"ק, וואס כאטש אפי' ער איז אויך ניט מחויב מיט א מזוזה ווי דער דין איז דאס אבער פארבונדען מיט דעם ענין של מזוזה, און דאס פועל'ט דעם שמירת כל ישראל, אין די לעצטע טעג פון גלות וואס "הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל", מצד "עינא פקיחא" און דאס קומט אראפ אין א אופן ווי געבראכט פון כתבי האריז"ל אז דאס פארטרייבט און איז מגין אויף דעם יצר הרע וכו', במילא פועל'ט דאס באופן פרטי, דערוויל אין דעם בית און אין די אידן אז ביי זיי איז "ואת רוח הטומאה אעביר" ביז וואנעט אז עס ווערט "ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ" וואס דעמאלט שטייט בגלוי דער "והי' הוי' לך לאור עולם" בקרוב ממש בגאולה האמיתית והשלימה.

ל. וואס ע"פ האמור אז בשעת עס איז דא א רמז בגשמיות, איז קאן דאס ממשיך זיין דער ענין פעולת המצוות, אע"פ וואס דער קיום המצוות בגשמיות כפשטוה, קאן ניט זיין ע"פ שו"ע, בדוגמא ווי געזאגט בנוגע דעם זכר לפסח וחגיגה, אין דער קערה פון פסח, ועד"ז בכמה ענינים, ובכללות הענינים וואס מ'טוט זיי זכר למקדש, וכיוצא בזה, וואס דאס איז דאך ענינים של מעשה, נוסף אויף דעם כללות הענין פון תורה פון "כל העוסק כאילו הקריב" וכו', איז אויך פארשטאנדיק א דבר תמוה בנוגע וואס מ'זאגט צו מזוזה, ווי געבראכט פריער וואס מ'זאגט בשער הפסוקים און בשער ההקדמות אין סידור פון האריז"ל ובכ"מ, אז בשעת עס איז דא א מזוזה צוגעקלאפט אויף דער טיר איז דעמאלט איז דאס מגין און לאזט ניט ארייז דעם שטן מיט דעם יצר הרע וכו'.

וואס לכאורה איז דאס אינגאנצען ניט פארשטאנדיק, א בשר ודם דארף גיין דורך א טיר, במילא אז אין דער טיר איז צוגעקלאפט א מזוזה לאזט דאס אים ניט צוגיין, זאגן אויפן יצר הרע, וואס מקומו ווי ער זאגט אין תניא איז "בחלל השמאלי שבלבו", איז וואס קאן דארטן אויפטאן און וואס איז דארט די נ"מ וואס עס טוט זיך על דלת הבית, בשעת זיין לב מיט'ן חלל השמאלי געפינען זיך בביתו אדער בחוץ קיין נ"מ ניט וואו זאגט מען אז אויב מ'קלאפט אן על דלת הבית א מזוזה איז אט דעמאלט מגין ומציל, פון "הוא השטן הוא היצה"ר" וכו'.

וואס דאס איז דאך געבראכט ניט נאר ע"ד הסוד אליין, נאר דאס איז בדומגא ווי מ'זאגט "הוי' ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם", אז אפי' בצאתו ובבואו ישמור איז דאך ניט נאר געמיינט פון דברים גשמיים וואס דארפן גיין דוקא דורך א טיר אויך פון ענינים וואס האבן קיין שייכות ניט צו הלכה גשמית בכלל, און צו הליכה וואס זי איז ניט פארבונדען דוקא גיין דורך א טיר ניט דורך א פענצטער ניט דרך דעם דרך וכיוצא בזה, ובפרט נאך אז אויב דער בית האט א טיר וואס האט ניט קיין משקוף ושתי מזוזות, און האט א טיר וואס האט יא משקוף ושתי מזוזות, זאגט מען אז בשעת מ'וועט צוקלאפן די מזוזה אין דעם טיר וואס זי איז מחויב במזוזה, - דער וואס האט דער משקוף מיט די מזוזות, וועט ער דעמאלט ניט קאנען ארייננגיין אויך דורך דעם אכסדרה וואס האט ניט קיין משקוף ושתי מזוזות וואס דאס איז אויך א מקום פתוח לרבים - לחוץ.

לא. איז דאך דער דיוק בזה ע"פ האמור לעיל, בדוגמא ווי מ'מאכט א זרוע פון א תרנגולת בדוגמת א זכר לחגיגה, איז גענוג וואס דאס איז אויך א דבר גשמי, נוסף

וואס ער וועט דאס זאגען בדיבור, טוט ער אויך בגשמיות העולם א ענין וואס דאס האט עפעס וואס א דמיון ושייכות, ורמז לדבר גשמי אויף דעם מציאות הקרבן אז האט דעמאלט א הוספה חשובה צו דעם נשלמה פרים שפתינו וואס ער וועט רעדן וועגן די זבחים ופסחים אין דעם נוסח וסדר ההגדה.

עד"ז אויך איז וויבאלד אז דעם ארט וואס זיין גוף ולב, מיט'ן חלל השמאלי שבלב, גייט דורך דער טיר, וואס אויף דער טיר איז צוגעקלאפט א מזוזה פועל'ט דאס אויפן חלל השמאלי שבלב וע"כ בנמצא בו אז וואו דער חלל השמאלי וועט זיך ניט געפינען בבית אדער בחוץ וכו', אז דער יצה"ר והשטן זאלן א אהינצו ניט קאנען צוקומען ווארום האט די טיר וואס זיין גוף גשמי דארף דארט דורכגיין, וועז די זאל קומען לביתו איז וועז ער וועט ארויס גיין מביתו האט דאס די פעולה לאח"ז ולפני הזמן, וכו' אויף דעם חלל השמאלי, מיט אלע ענינים וואס זיינען פארבונדען מיט'ן חלל השמאלי וואס דער חלל השמאלי איז דאך א גשמי א חלק פון דעם לב הגשמי וואס ער געפינט זיך בגוף גשמי, וואס ע"פ תורה א איד דארף ארייגגיין לביתו ניט דורך דעם חלון אדער גג וכו', נאר דורך דעם דלת, אזוי ע"פ תורה דארף א איד גיין מיט א סדר מסודר, אין האט די אלע ענינים און זיך ניט שפארן דורך דעם חלון או גג "צאתך ובואך" "בביתך ובשעריך" איז דארף דאס זיין דורך א דלת און בשעת די דלת איז באופן אז דארט איז צוגעקלאפט א מזוזה, פועל'ט דאס אויף דעם חלל השמאלי און אויף דעם אידן בכל עניניו אין דעם ענין וואו ער זאל זיך ניט געפינען וכו'.

וואס דערמיט איז אויך פארשטאנדיק די שייכות פארוואס דאס קאן פועל זיין אפילו ווען ער גייט ארויס "צאתך", אע"פ וואס ער גייט ארויס פון בית פועל'ט דאס אויך אז בשעת דער צאתך איז פון א דלת וואס עס איז צוגעקלאפט די מזוזה, איז האט דעמאלט ווערט "הוי' ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם".

לב. עד"ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו די חמשת המבצעים איז דאך אויך דא דער ענין שבזה מערניט ווי א ענין של זכרון וואס מ'מאכט א פוסקע של צדקה וואס דאס איז ניט די מצוה אליין דאס איז מערניט א כלי וואס דערמאנט אויף דעם ענין פון צדקה, ועד"ז אפילו די ספרים איז דאך אויך וואס דאס איז טאקע "אותי אתם לוקחים", דאס איז אבער ניט די מצוה פון לימוד התורה דאס איז מערניט א ספר דורך וועלכן ער וועט קאנען מקיים זיין דעם לימוד התורה בקלות יותר, ניט בע"פ נאר אויך מתוך הכתב. ע"פ האמור וויבאלד אז עס איז שוין דא דער זכר ובגשמיות, געשריבן נוסף אויף דעם ענין וואס מ'רעדט אין דעם איז דאס מקשר וממשיך פעולת המצוה, מעין הפעולה וואס ווערט אויפגעטאן ע"י המצוה בכל פרטיה.

עד"ז אויך דער מבצע תפילין ווי דאס איז פארבונדען מיט דער רשימת המאסר איז דאך דא בארוכה דער ענין פון דעם שקלא וטריא מיט'ן דינגען זיך מיט דעם שביתת רעב ניט עסן און ניט וועלן ענטפערן אויף די שאלות ביז וואנעט מ'האט אים צוריק אומגעקערט די תפילין נוסף אויף דעם וואס נאך איידער עס איז געווען זייער רשיון איז אויך גייענדיק במסדרון אויף די טרעפ האט ער שוין אנגעטאן די תפילין, נוסף אויף דעם כללות הענין, וואס בשעת ער האט ארייין אין "שפאלערקע" איז ער ארייין מיט די תפילין של יד ושל ראש וכו' כמדובר לעיל וכמסופר בהרשימות ווי אזוי דאס ווערט דער ענין פון די התחלת פעולת פון די מצוה אפי' בד' אמות אלו.

עד"ז אויך בנוגע צו מבצע צדקה איז דאך אויך געווען כמה פעולות וואס ער האט געטאן ענינים של צדקה מיט די וואס זיינען געזעצען בחדרו אין דעם זעלבן חדר, ווי די התחלה דערפון איז אויך דא אין די רשימות און עס איז מער ידוע פון די דברים שבע"פ, וואס ער האט דערציילט ווי אזוי ער האט זיי ארויסגעהאלפן מיט א עצה טובה, צו מיט א דבר טוב, ועידוד רוח וכו', און אויך מיט די ענינים וואס ער

האט זיי געגעבן פון די זאכן פון אכילה ושתיה, וואס ער האט געהאט א שייכות צו
אים און ער האט דאס געגעבן, וואס דאס איז דאך דער עיקר מצות הצדקה, איז דאך
ניט דער ענין פון ממון נאר דער ענין פון אכו"ש, ווי די גמרא דערציילט איז
דערפאר האט געהאלפן די צדקה פון אשת אבא חלקיה, מער ווי עס האט געהאלפען תפלתו
דערפאר וואס איר צדקה איז געווען אין א ענין של אכילה, וואס דער עני האט דאס
גלייך געקאנט עסן, וואס דאס איז אויך בנוגע לעניננו, מבצע צדקה, ווי ער איז
געווען במאסר "וממנה יושע" דאס איז דער לימוד ועידוד ותוספת כח אז מ'זאל טאן
און ממשיך זיין אין דערויף מיט א שטורעם, און א שטורעם של שמחה ושל דרכי נעם
ביז וואנעט אז מ'וועט אויספירן אז על כל בית ובית של בנ"י וועט זיין א מזוזה
און עס וועט מקויים ווערן דער ה"שומר דלתות ישראל", און אין א אופן פון "הוי'
ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם", ביז מ'וועט אריינגיין מיט דעם שמירה פון דעם
אויבערשטען, וואס "לא ינוך ולא ישן שומר ישראל", אין דער גאולה האמיתית
והשלימה בקרוב ממש.